דעם פּאַציענטס אידענטיפֿיצירונג: ____________________

דאַטע פֿון דער אָפּשאַצונג: ____________________

סשך פֿון צײַט: פֿון ____________ ביז ____________

עקזאַמענאַטאָר: ____________________

Michel Paradis
McGill University

# BILINGUAL APHASIA TEST

## (YIDDISH VERSION)

## צווייִשפּראַכיקער אַפֿאַזיע-טעסט

דער צווייִשפּראַכיקער אַפֿאַזיע-טעסט איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער ייִדישער שפּראַך פֿון יודזשין אָרענשטיין

The development of the Bilingual Aphasia Test materials was supported by Grant MEQ 01-07-k (1976-1983) from the Quebec Ministry of Intergovernmental Affairs, Grant EQ 1660 (1980-1985) from the Quebec Ministry of Education FCAC Fund, and Grants 410-83-1028 (1984, 1985) and 410-88-0821 (1989-1991) from the Social Sciences and Humanities Research Council of Canada.

# צוויישפּראַכיקער אַפֿאַזיע-טעסט

## חלק א) דער טייל וואָס איז בשותּפֿותדיק מיט אַלע שפּראַכן

### דעם פּאַציענטס געשיכטע פֿון צוויישפּראַכיקייט

די ווײַטערדיקע פֿראַגעס דאַרף מען לייענען פֿאַרן פּאַציענט אַזוי ווי זיי ווערן אונטן אָנגעגעבן. אויב דער פּאַציענט קען נישט צושטעלן די נייטיקע אינפֿאָרמאַציע, מעג מען אויספֿרעגן עמעצן אַנדערש (למשל, אַ מיטגליד פֿון דער משפּחה). פֿאַר אַלע פֿראַגעס וואָס ווערן געענטפֿערט מיט „יאָ״ אָדער „ניין״, באַרינגלט „+״ אויב דער ענטפֿער איז „יאָ״ און באַרינגלט „–״ אויב דער ענטפֿער איז „ניין״.

אויב איר קענט נישט קריגן קיין ענטפֿער אויף אַ פֿראַגע, לאָזט נישט איבער קיין בלויז. אַנשטאָט דעם, באַרינגלט דעם נול (0) אָדער שרײַבט אַרײַן אַ נול (0) אינעם פֿרײַען אָרט פֿאַרן ענטפֿער. דאָס ווײַזט אַז מע האָט נישט באַקומען קיין ענטפֿער. אינעם ווײַטערדיקן טעקסט ווערן אַלע אינסטרוקציעס פֿאַרן עקזאַמענאַטאָר באַצייכנט מיט דרײַ שטערנדלעך „***״ וואָס קומען אַפֿריִער. די דאָזיקע אינסטרוקציעס לייענט מען נישט פֿאַרן פּאַציענט.

*** הייבט אָן לייענען אויף אַ קול אָט דאָ.

1. וואָס איז די דאַטע פֿון אײַער געבורט? (1) ______

2. ווו זענט איר געבוירן געוואָרן? (2) ______

3. וואָסער שפּראַך האָט איר קינדווײַז גערעדט צום מיינסטנס אין דער היים? (3) ______

4. האָט איר קינדווײַז גערעדט נאָך אַנדערע שפּראַכן אין דער היים? (4) 0 – +

*** אויב דער ענטפֿער אויף (4) איז „ניין״, גייט אַריבער צו פֿראַגע (6).

5. וואָס נאָך פֿאַר אַ שפּראַכן האָט איר קינדווײַז גערעדט אין דער היים? (5) ______ ______ ______

6. וואָס איז געווען אײַער פֿאָטערס מוטערשפּראַך? (6) ______

7. האָט ער גערעדט נאָך אַנדערע שפּראַכן? (7) 0 – +

*** אויב דער ענטפֿער אויף (7) איז „ניין״, גייט אַריבער צו פֿראַגע (12).

8. וואָס נאָך פֿאַר אַ שפּראַכן האָט אײַער פֿאָטער גערעדט אין דער היים? (8) ______ ______

9. וואָסער שפּראַך האָט אײַער פֿאָטער צום מיינסטנס גערעדט מיט אײַך אין דער היים? (9) ______

10. האָט אײַער פֿאָטער גערעדט נאָך אַנדערע שפּראַכן אין דער היים? (10) 0 – +

*** אויב דער ענטפֿער אויף (10) איז „ניין״, גייט אַריבער צו פֿראַגע (12).

11. וואָס נאָך פֿאַר אַ שפּראַכן האָט אײַער פֿאָטער גערעדט אין דער היים? (11) ______ ______ ______

12. וואָס איז געווען אײַער מוטערס מוטערשפּראַך? (12) ______

13. האָט זי גערעדט נאָך אַנדערע שפּראַכן? (13) 0 – +

*** אויב דער ענטפֿער אויף (13) איז „ניין״, גייט אַריבער צו פֿראַגע (18).

14. וואָס נאָך פֿאַר אַ שפּראַכן האָט אײַער מוטער גערעדט? (14) ______ ______

15. וואָסער שפּראַך האָט אײַער מוטער צום מיינסטנס גערעדט מיט אײַך אין דער היים? (15) ______

16. האָט אײַער מוטער גערעדט נאָך אַנדערע שפּראַכן אין דער היים? (16) 0 – +

*** אויב דער ענטפֿער אויף (16) איז „ניין״, גייט אַריבער צו פֿראַגע (18).

17. וואָס נאָך פֿאַר אַ שפּראַכן האָט אײַער מוטער גערעדט אין דער היים? (17) ______ ______ ______

18. האָט נאָך עמעצער אויפֿגעפּאַסט אויף אײַך ווי אַ קינד? (18) 0 – +

*** אויב דער ענטפֿער אויף (18) איז „ניין״, גייט אַריבער צו פֿראַגע (25).

19. וואָס איז געווען זײַן/איר מוטערשפּראַך? (19) ______

20. האָט ער/זי גערעדט נאָך אַנדערע שפּראַכן? (20) 0 – +

*** אויב דער ענטפֿער אויף (20) איז „ניין“, גייט אַריבער צו פֿראַגע (25) .

21. וואָס נאָך פֿאַר אַ שפּראַכן האָט ער/זי גערעדט ? ______ ______ (21)

22. וואָסער שפּראַך האָט ער/זי צום מייסטנס גערעדט מיט אײַך אין דער היים ? ______ (22)

23. האָט ער/זי גערעדט נאָך אַנדערע שפּראַכן אין דער היים ? 0 – + (23)

*** אויב דער ענטפֿער אויף (23) איז „ניין“, גייט אַריבער צו פֿראַגע (25).

24. וואָס נאָך פֿאַר אַ שפּראַכן האָט ער/זי גערעדט אין דער היים ? ______ ______ ______ (24)

25. וואָסער שפּראַך האָט איר קינדווײַז צום מייסטנס גערעדט מיט פֿרײַנד ? ______ (25)

26. וויפֿל יאָרן בילדונג האָט איר געקראָגן ? ______ (26)

27. ווען איר האָט אָנגעהויבן גיין אין שול, וואָס איז געווען די לערנשפּראַך ? ______ (27)

28. זענען דעמאָלט געווען נאָך אַנדערע לערנשפּראַכן ? 0 – + (28)

*** אויב דער ענטפֿער אויף (28) איז „ניין“, גייט אַריבער צו פֿראַגע (30).

29. וואָס זענען געווען די אַנדערע לערנשפּראַכן ? ______ ______ ______ (29)

30. וואָסער שפּראַך האָבן ס'רובֿ פֿון די תּלמידים גערעדט אין דער דאָזיקער שול ? ______ (30)

31. זענט איר נאָך דעם אַריבער אין אַ שול מיט אַן אַנדער לערנשפּראַך ? 0 – + (31)

*** אויב דער ענטפֿער אויף (31) איז "ניין", גייט אַריבער צו פֿראַגע (49).

32. וואָסער שפּראַך איז דאָס געווען ? ______ (32)

33. נאָך וויפֿל יאָר זענט איר אַריבער אויף דער נײַער לערנשפּראַך ? ______ (33)

34. זענען דעמאָלט געווען נאָך אַנדערע לערנשפּראַכן ? 0 – + (34)

*** אויב דער ענטפֿער אויף (34) איז "ניין", גייט אַריבער צו פֿראַגע (38).

35. וואָס זענען געווען די אַנדערע לערנשפּראַכן ? ______ ______ ______ (35)

36. וואָסער שפּראַך האָבן ס'רובֿ פֿון די תּלמידים גערעדט אין דער דאָזיקער שול ? ______ (36)

37. זענט איר נאָך דעם אַריבער אין אַ שול מיט אַן אַנדער לערנשפּראַך ? 0 – + (37)

*** אויב דער ענטפֿער אויף (37) איז „ניין“, גייט אַריבער צו פֿראַגע (49).

38. וואָסער שפּראַך איז דאָס געווען ? ______ (38)

39. נאָך וויפֿל יאָר זענט איר אַריבער אויף דער דאָזיקער נײַער לערנשפּראַך ? ______ (39)

40. זענען דעמאָלט געווען נאָך אַנדערע לערנשפּראַכן ? 0 – + (40)

*** אויב דער ענטפֿער אויף (40) איז „ניין“, גייט אַריבער צו פֿראַגע (49).

41. וואָס זענען געווען די אַנדערע לערנשפּראַכן ? ______ ______ ______ (41)

42. וואָסער שפּראַך האָבן ס'רובֿ פֿון די תּלמידים גערעדט אין דער דאָזיקער שול ? ______ (42)

43. זענט איר נאָך דעם אַריבער אין אַ שול מיט אַן אַנדער לערנשפּראַך ? 0 – + (43)

*** אויב דער ענטפֿער אויף (43) איז „ניין“, גייט אַריבער צו פֿראַגע (49).

44. וואָסער שפּראַך איז דאָס געווען ? ______ (44)

45. נאָך וויפֿל יאָר זענט איר אַריבער אויף דער דאָזיקער נײַער שפּראַך ? ______ (45)

46. זענען דעמאָלט געווען נאָך אַנדערע לערנשפּראַכן ? 0 – + (46)

*** אויב דער ענטפֿער אויף (46) איז „ניין“, גייט אַריבער צו פֿראַגע (48).

47. וואָס זענען געווען די אַנדערע לערנשפּראַכן ? ______ ______ ______ (47)

48. וואָסער שפּראַך האָבן ס'רובֿ פֿון די תּלמידים גערעדט אין דער דאָזיקער שול ? ______ (48)

49. נאָך דעם ווי איר האָט פֿאַרענדיקט אײַער בילדונג, וואָס איז געווען אײַער פֿאַך ?

(49) ______ ______ ______

50. פֿאַר אײַער אויסגליקפֿאַל/קראַנקייט, וואָסער שפּראַכן האָט איר געקענט רעדן ?

(50) ______ ______ ______

## חלק ב)

### דעם פּאַציענטס ייִדיש-הינטערגרונט

די ווײַטערדיקע פֿראַגעס דאַרף מען לייענען פֿאַרן פּאַציענט פּונקט אַזוי ווי זיי ווערן אונטן אָנגעגעבן. פֿאַר איינסן מיט מעלעכע ברירות, באַרינגלט די פּאַסיקע ברירה. פֿאַר די אַנדערע איינסן, שרײַבט אַרײַן די פּאַסיקע אינפֿאָרמאַציע אינעם געגעבענעם אָרט.

אינעם ווײַטערדיקן טעקסט ווערן אַלע אינסטרוקציעס פֿאַרן עקזאַמענאַטאָר באַצייכנט מיט דרײַ שטערנדלעך *** וואָס קומען אַפֿריִער. די דאָזיקע אינסטרוקציס לייענט מען נישט אויף אַ קול פֿאַרן פּאַציענט.

*** לייענט דעם פּאַציענט דעם ווײַטערדיקן אַרײַנפֿיר-זאַץ און זײַט ממשיך מיט די פֿראַגעס.
איצט וועל איך אײַך פֿרעגן עטלעכע פֿראַגעס וועגן אײַער ייִדיש. זענט איר גרייט ?

1. האָט איר אַ מאָל געוווינט אין אַן אַנדער לאַנד וווּ מע האָט גערעדט ייִדיש ? + – (1)

*** אויב דער ענטפֿער איז „ניין”, גייט אַריבער צו פֿראַגע (4).

2. ווי האָט געהייסן דאָס לאַנד ? ________ (2)
3. ווי לאַנג האָט איר דאָרטן געוווינט ? ________ (3)
4. איידער איר זענט קראַנק געוואָרן, איז אײַער ייִדיש רעדן געווען:
   1) נישט גוט, 2) גוט, 3) זייער פֿליסיק — 1 2 3 (4)
5. ווי אַלט זענט איר געווען ווען איר האָט זיך אויסגעלערנט רעדן ייִדיש ? ________ (5)
6. איידער איר זענט קראַנק געוואָרן, האָט איר גערעדט ייִדיש אין דער היים ? + – (6)
7. האָט איר גערעדט ייִדיש בײַ דער אַרבעט ? + – (7)
8. האָט איר גערעדט ייִדיש מיט פֿרײַנד ? + – (8)
9. אין אײַער טעגלעך-לעבן פֿאַר אײַער קראַנקייט, האָט איר גערעדט ייִדיש:
   1) יעדן טאָג, 2) איין מאָל אַ וואָך, 3) איין מאָל אַ חודש,
   4) איין מאָל אַ יאָר, 5) ווייניקער ווי איין מאָל אַ יאָר — 1 2 3 4 5 (9)
10. האָט איר ווען עס איז זיך אויסגעלערנט לייענען ייִדיש ? + – (10)

*** אויב דער ענטפֿער איז „ניין”, גייט אַריבער צו (18).

11. ווי אַלט זענט איר געווען ווען איר האָט זיך אויסגעלערנט לייענען ייִדיש ? ________ (11)
12. איידער איר זענט קראַנק געוואָרן , איז אײַער ייִדיש לייענען געווען:
   1) נישט גוט, 2) גוט, 3) זייער גוט — 1 2 3 (12)
13. אין אײַער טעגלעך-לעבן פֿאַר אײַער קראַנקייט, האָט איר געלייענט ייִדיש:
   1) יעדן טאָג, 2) איין מאָל אַ וואָך, 3) איין מאָל אַ חודש,
   4) איין מאָל אַ יאָר, 5) ווייניקער ווי איין מאָל אַ יאָר — 1 2 3 4 5 (13)
14. האָט איר ווען עס איז זיך אויסגעלערנט שרײַבן ייִדיש ? + – (14)

*** אויב דער ענטפֿער איז „ניין”, גייט אַריבער צו (18).

15. ווי אַלט זענט איר געווען ווען איר האָט זיך אויסגעלערנט שרײַבן ייִדיש ? ________ (15)

16. איידער איר זענט קראַנק געוואָרן, איז אײַער ייִדיש שרײַבן געווען:

1) נישט גוט , 2) גוט, 3) זייער גוט 1 2 3 (16)

17. אין אײַער טעגלעך-לעבן פֿאַר אײַער קראַנקייט, האָט איר געשריבן ייִדיש:

1) יעדן טאָג 2) איין מאָל אַ וואָך 3) איין מאָל אַ חודש 1 2 3 4 5 (17)

4) איין מאָל אַ יאָר 5) ווייניקער ווי איין מאָל אַ יאָר

## ספּאָנטאַנע רייד

*** רעקאָרדירט פֿינעף מינוט פֿונעם פּאַציענטס ספּאָנטאַנע רייד. דער ציל פֿון דעם טייל פֿונעם טעסט איז צו קריגן אַ מוסטער פֿונעם פּאַציענטס ספּאָנטאַנע רייד און צו דערלויבן דעם עקזאַמענאַטאָר צו שאַפֿן אַן אײַנגעמעסטע אַטמאָספֿער פֿאַרן טעסט. כדי צו באַלעבן דעם שמועס, קענט איר סטימולירן דעם פּאַציענט צו רעדן מיט פֿראַגעס וועגן :

1) זײַן/איר קראַנקייט, 2) זײַן/איר אַרבעט, 3) איבערלעבונגען אין אַנדערע לענדער, 4) זײַן/איר משפּחה אאַז"וו

*** נאָך דעם ווי דער פּאַציענט פֿאַרענדיקט רעדן, זאָל דער עקזאַמענאַטאָר פֿאַרדרייען די רעקאָרדירקע און באַרינגלען די פּאַסיקע ברירה פֿאַר יעדן פֿון די ווײַטערדיקע פֿינעף אייניסן. דער כּיוון איז נאָר צו געבן אַן אַלגעמיינעם, סוביעקטיוון, פּרעליםינאַרן אָנווײַז אויף די אייגנקייטן פֿונעם פּאַציענטס רייד אויף דער טאַשמע וואָס מע וועט שפּעטער פּרטמדיק אַנאַליזירן.

18. סכום רייד 1) גאָרנישט 2) זייער ווייניק 3) ווייניקער ווי נאָרמאַל 4) נאָרמאַל ______ (18)
19. גלאַטיקייט 1) גאָרנישט 2) זייער ווייניק 3) ווייניקער ווי נאָרמאַל 4) נאָרמאַל ______ (19)
20. אַרויסרעד 1) גאָרנישט 2) זייער ווייניק 3) ווייניקער ווי נאָרמאַל 4) נאָרמאַל ______ (20)
21. גראַמאַטיק 1) גאָרנישט 2) זייער ווייניק 3) ווייניקער ווי נאָרמאַל 4) נאָרמאַל ______ (21)
22. וואָקאַבולאַר 1) גאָרנישט 2) זייער ווייניק 3) ווייניקער ווי נאָרמאַל 4) נאָרמאַל ______ (22)

## דאָס פֿאַרשטיין בעל-פּה

*** אין דעם טייל דאַרף דער פּאַציענט אויספֿירן עפּעס אַ באַפֿעל וואָס ער/זי הערט. די באַפֿעלן דאַרף מען לייענען פּאַמעלעך און דײַטלעך מיט אַ געוויינטלעכער אינטאָנאַציע. אויב דער פּאַציענט רופֿט זיך נישט אָפּ נאָך פֿינעף סעקונדעס, פֿאַרצייכנט אַ נול („0") און גיט דעם ווײַטערדיקן באַפֿעל. שטעלט אַ צייכן נאָר פֿאַר דער ערשטער זאַך וואָס דער פּאַציענט רירט אָן.

מע באַצייכנט דעם פּאַציענטס אָפּרופֿן דורך באַרינגלען אָדער דעם פּלוסצייכן („+"), דעם מינוס-צייכן („-") אָדער דעם נול („0") אינעם געגעבענעם אָרט.
באַרינגלט „+" אויב דעם פּאַציענטס אָפּרוף איז ריכטיק. אויב דעם פּאַציענטס אָפּרוף איז נישט ריכטיק, באַרינגלט „-". אויב דער פּאַציענט רופֿט זיך נישט אָפּ (אָדער רופֿט זיך אָפּ אויף אַזאַן אופֿן וואָס באַווײַזט אַז ער/זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס מע וויל פֿון אים/איר), באַרינגלט „0".
למשל, אויב מע בעט אַ פּאַציענט אָנצורירן אַ ביכל וואָס ליגט אויפֿן טיש און ער רירט אָן עפּעס אַנדערש וואָס ליגט אויפֿן טיש, דאַרף דער עקזאַמענאַטאָר באַרינגלען „-". אָבער אויב ער רירט גאָרנישט אָן (אָדער ער פּאַטשט מיט די הענט), דאַרף דער עקזאַמענאַטאָר באַרינגלען „0".

## טײַטלען

*** כּדי אויסצופֿירן דעם טייל, דאַרף מען אויסשטעלן די וויכטיקע חפֿצים אויף אַ טיש פֿאַרן פּאַציענט אַזוי אַז ער/זי זאָל קענען אָנרירן יעדע זאַך באַזונדער. די זאַכן דאַרף מען אויסשטעלן אינעם ווײַטערדיקן סדר פֿון רעכטס אויף לינקס:
אַ קנעפּל, אַ הענטשקע, אַ שערל, אַ קאָנווערט, אַ פֿינגערל, אַ בערשטל, אַ גלאָז, שוועבעלעך, אַ שליסל און אַ זייגערל.
*** הייבט אָן לייענען אויף אַ קול אָט דאָ.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 23. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן דאָס פֿינגערל. | + | – | 0 | (23) |
| 24. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן דאָס קנעפּל. | + | – | 0 | (24) |
| 25. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן די שוועבעלעך. | + | – | 0 | (25) |
| 26. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן די הענטשקע. | + | – | 0 | (26) |
| 27. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן דעם שליסל. | + | – | 0 | (27) |
| 28. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן דאָס שערל. | + | – | 0 | (28) |
| 29. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן דאָס זייגערל. | + | – | 0 | (29) |
| 30. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן דעם קאָנווערט. | + | – | 0 | (30) |
| 31. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן די גלאָז. | + | – | 0 | (31) |
| 32. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן דאָס בערשטל. | + | – | 0 | (32) |

## פּשוטע און האַלב-קאָמפּליצירטע באַפֿעלן

*** לייענט דעם פּאַציענט די ווײַטערדיקע באַפֿעלן און פֿאַרצייכנט זײַנע/אירע אָפּרופֿן. די קריטעריעס פֿון אָפּשאַצן די אָפּרופֿן („+", „–" אָדער „0") זענען די זעלבע ווי בײַם „טײַטלען." די חפֿצים אויפֿן טיש זענען איצט אַ פֿינגערל, שוועבעלעך, אַ גלאָז, אַ בלײַער און אַ גאָפּל.

*** הייבט אָן לייענען אויף אַ קול אָט דאָ.
איך וועל אײַך בעטן טאָן עטלעכע זאַכן פֿאַר מיר. זענט איר גרייט ?

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 33. זײַט אַזוי גוט, פֿאַרמאַכט די אויגן. | + | – | 0 | (33) |
| 34. עפֿנט דאָס מויל. | + | – | 0 | (34) |
| 35. הייבט אויף די הענט. | + | – | 0 | (35) |
| 36. שטעקט אַרויס די צונג. | + | – | 0 | (36) |
| 37. פּאַטשט מיט די הענט. | + | – | 0 | (37) |
| 38. לייגט דאָס פֿינגערל אויף די שוועבעלעך. | + | – | 0 | (38) |
| 39. שטעלט די גלאָז לעבן דעם בלײַער. | + | – | 0 | (39) |
| 40. לייגט די שוועבעלעך אונטערן גאָפּל. | + | – | 0 | (40) |
| 41. לייגט דעם בלײַער פֿאַרן פֿינגערל. | + | – | 0 | (41) |
| 42. שטעלט אַרײַן דעם גאָפּל אין דער גלאָז. | + | – | 0 | (42) |

## קאָמפּליצירטע באַפֿעלן

*** די נומערן 43 ביז 47 שטעלן מיט זיך פֿאָר קאָמפּליצירטע באַפֿעלן. דעם גאַנצן באַפֿעל (ד"ה אַלע סובבאַפֿעלן) דאַרף מען לייענען פֿאַרן פּאַציענט ווי איין זאַך. פֿאַר יעדן איינס וועט מען בעטן דעם

פּאַציענט מעכט טאָן מיט אַ קאָמפּלעקס פֿון דרײַ זאַכן. סע דאַרף אויסשטעלן די דרײַ זאַכן אויפֿן טיש אַזוי אַז דעם פּאַציענט זאָל גרינג זײַן זיי צו גרייכן.

אויב דעם פּאַציענטס ענטפֿער איז פֿולקאָם (אַלץ איז ריכטיק אינעם ריכטיקן סדר), פֿאַרצייכנט „+״. אויב דער ענטפֿער איז נישט פֿולקאָם, פֿאַרצייכנט די צאָל סובבאַפֿעלן וואָס ער/זי האָט ריכטיק אויסגעפֿירט, נישט געקוקט אויפֿן סדר. דעריבער ווײַזט אַ צייכן פֿון „3״ אַז אַלע דרײַ סובבאַפֿעלן זענען אויסגעפֿירט געוואָרן, נאָר נישט אינעם ריכטיקן סדר. אַ צייכן פֿון „2״ ווײַזט אַז צוויי סובבאַפֿעלן זענען אויסגעפֿירט געוואָרן, נישט געקוקט אויפֿן סדר פֿון דער אויספֿירונג.

חפֿצים: דרײַ שטיקלעך פּאַפּיר (אַ קליינס, אַ מיטלמאָסיקס און אַ גרויס שטיקל), דרײַ בלײַערס (אַ בלאָער, אַ געלער און אַ רויטער), דרײַ מטבעות (אַ קליינע, אַ מיטלמאָסיקע און אַ גרויסע — דער באַטרעף פֿון דער מטבע מוז שטימען מיט דער גרייס), דרײַ שטעקלעך (אַ קורץ שטעקל, אַ מיטלמאָסיקס און אַ לאַנג שטעקל) און אַ גלאָז, דרײַ ביכער.

*** הייבט אָן לייענען אויף אַ קול אָט דאָ.

43. דאָ זענען דרײַ שטיקלעך פּאַפּיר.
גיט מיר דאָס קליינע, לייגט דאָס מיטלמאָסיקע אויפֿן שויס, און וואַרפֿט אַוועק דאָס גרויסע שטיקל.

(43) 0 1 2 3 +

44. דאָ זענען דרײַ בלײַערס.
לאָזט אַראָפּ דעם געלן אויף דער פּאָדלאָגע, גיט מיר דעם בלאָען און הייבט אויף דעם רויטן.

(44) 0 1 2 3 +

45. דאָ זענען דרײַ מטבעות.
שטופּט די גרויסע מטבע צו מיר, דרייט איבער די מיטלמאָסיקע, און פֿאַרדעקט די קליינע מיט דער האַנט.

(45) 0 1 2 3 +

46. דאָ זענען דרײַ שטעקלעך.
שטעלט אַרײַן דאָס קורצע אין דער גלאָז, גיט מיר דאָס מיטלמאָסיקע, און קלאַפּט אין טיש מיטן לאַנגן.

(46) 0 1 2 3 +

47. דא זענען דרײַ ביכער.
עפֿנט דאָס ערשטע, דרייט איבער דאָס צווייטע און הייבט אויף דאָס דריטע.

(47) 0 1 2 3 +

## דאָס דערקענען דאָס געהערטע

*** אין דעם טייל מוז דער פּאַציענט אָנרירן דאָס בילד וואָס שטעלט פֿאָר צום בעסטן דאָס וואָרט וואָס ער/זי הערט. די בילדער ווערן אידענטיפֿיצירט מיטן ציפֿער אינעם אייבערשטן לינקן ווינקל פֿון יעדער רעם. פֿאַר יעדן איינס, באַרינגלט דעם ציפֿער פֿונעם בילד (1-4 אָדער „X״) וואָס דער פּאַציענט רירט אָן. אויב דער פּאַציענט רירט נישט אָן קיין שום בילד און נישט דעם „X״, באַרינגלט דעם נול („0״) אינעם געגעבענעם אָרט.

*** הייבט אָן לייענען אויף אַ קול אָט דאָ.
איר וועט הערן אַ וואָרט. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן דאָס בילד וואָס שטעלט פֿאָר דעם באַטײַט פֿונעם וואָרט. אויב קיינער פֿון די בילדער שטעלט נישט פֿאָר דעם באַטײַט פֿונעם וואָרט, רירט אָן דעם גרויסן איקס („X״). למשל, אויב איך זאָג „בייט״, וואָלט איר אָנגערירט דאָס בילד ווײַל סע שטעלט פֿאָר אַ בייט מיט גאָרטנוואַרג. אויב איך זאָג „פֿויגל״, רירט אָן דעם דאָזיקן איקס („X״) ווײַל ס'איז נישטאָ קיין בילד פֿון אַ פֿויגל אויף דעם זײַטל. זענט איר גרייט?

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 48. חויז | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (48) |
| 49. טיכל | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (49) |
| 50. קאַטשקע | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (50) |
| 51. לויפֿן | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (51) |
| 52. פּליך | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (52) |
| 53. באַן | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (53) |
| 54. הינטל | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (54) |
| 55. קניִען | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (55) |
| 56. איי | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (56) |
| 57. טעלער | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (57) |
| 58. דעכער | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (58) |
| 59. זעמל | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (59) |
| 60. געסל | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (60) |
| 61. סאַרגאַריטקע | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (61) |
| 62. שלעסער | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (62) |
| 63. צעפּ | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (63) |
| 64. פּרײַז | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (64) |
| 65. עפּל | X | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (65) |

## דאָס פֿאַרשטיין זאַצן

*** אינעם ווײַטערדיקן טייל דאַרף דער פּאַציענט אָנרירן דאָס בילד וואָס שטעלט פֿאָר צום בעסטן דעם געדאַנק וואָס ווערט אויסגעדריקט אינעם זאַץ וואָס מע לייענט אים/איר. סע דאַרף לייענען די זאַצן מיט דער געוויינטלעכער אינטאָנאַציע. דעם פּאַציענטס אָפּרוף ווערט פֿאַרצייכנט דורך באַרינגלען דעם נומער פֿונעם בילד וואָס ער/זי קלײַבט אויס. אויב דער פּאַציענט גיט נישט קיין ענטפֿער נאָך פֿינעף סעקונדעס, פֿאַרצייכנט אַ נול („0") און לייענט דעם ווײַטערדיקן זאַץ. דער פּאַציענט דאַרף האָבן דעם טייל פֿונעם בילדער-ביכל וואָס הייסט „דאָס פֿאַרשטיין זאַצן" נאָענט צו זיך אַזוי אַז ער/זי זאָל גרינג קענען אָנווײַזן אויף וואָסער בילד סע זאָל נישט זײַן אויפֿן זײַטל דורך אָנרירן.

*** הייבט אָן לייענען אויף אַ קול אָט דאָ.
איר וועט באַלד הערן אַ זאַץ. זײַט אַזוי גוט, רירט אָן דאָס בילד וואָס שטעלט פֿאָר דעם באַטײַט פֿונעם זאַץ. למשל, אויב איך זאָג „דער בחור זיצט", זאָלט איר אָנרירן דאָס בילד וואָס ווײַזט אַ בחור וואָס זיצט.

*** זײַטל 1

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 66. דער בחור האַלט דאָס סיידל. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (66) |
| 67. דאָס סיידל האַלט דעם בחור. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (67) |
| 68. זי האַלט אים. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (68) |
| 69. זי האַלט איר | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (69) |
| 70. זי האַלט זיי. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (70) |

*** זײַטל 2

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 71. דער טאַטע וואַשט זײַן זינדעלע. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 (71) |

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 72. די מאַמע וואַשט איר טעכטערל. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (72) |
| 73. ער וואַשט אים. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (73) |
| 74. ער וואַשט זיך. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (74) |
| 75. זי וואַשט זיך | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (75) |
| 76. זי וואַשט איר. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (76) |

*** זײַטל 3

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 77. דער בחור האַלט די מיידלעך. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (77) |
| 78. ער האַלט אים. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (78) |
| 79. ער האַלט איר. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (79) |
| 80. ער האַלט זיי. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (80) |

*** זײַטל 4

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 81. דאָס מיידל שטופּט דעם בחור. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (81) |
| 82. דער בחור שטופּט דאָס מיידל. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (82) |
| 83. דער בחור ווערט געשטופּט פֿונעם מיידל. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (83) |
| 84. דאָס מיידל ווערט געשטופּט פֿונעם בחור. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (84) |
| 85. דער בחור שטופּט עס דאָס מיידל. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (85) |
| 86. דאָס מיידל שטופּט עס דעם בחור. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (86) |
| 87. דעם בחור שטופּט עס דאָס מיידל. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (87) |
| 88. דאָס מיידל שטופּט עס דער בחור. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (88) |

*** זײַטל 5

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 89. דער הונט בײַסט  די קאַץ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (89) |
| 90. די קאַץ בײַסט דעם הונט. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (90) |
| 91. דער הונט ווערט געביסן פֿון דער קאַץ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (91) |
| 92. די קאַץ ווערט געביסן פֿונעם הונט. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (92) |
| 93. דער הונט בײַסט עס די קאַץ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (93) |
| 94. די קאַץ בײַסט עס דעם הונט. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (94) |
| 95. די קאַץ בײַסט עס דער הונט. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (95) |
| 96. דעם הונט בײַסט עס די קאַץ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (96) |

*** זײַטל 6

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 97. דער לאַסטאויטאָ שלעפּט דעם אויטאָ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (97) |
| 98. דער אויטאָ ווערט געשלעפּט פֿונעם לאַסטאויטאָ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (98) |
| 99. דער לאַסטאויטאָ ווערט געשלעפּט פֿונעם אויטאָ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (99) |
| 100. דער אויטאָ שלעפּט דעם לאַסטאויטאָ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (100) |
| 101. דעם לאַסטאויטאָ שלעפּט עס דער אויטאָ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (101) |
| 102. דעם אויטאָ שלעפּט עס דער לאַסטאויטאָ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (102) |
| 103. דער אויטאָ שלעפּט עס דעם  לאַסטאויטאָ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (103) |
| 104. דעם לאַסטאויטאָ שלעפּט עס דער אויטאָ. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (104) |

*** זײַטל 7

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 105. די מאַמע טוט אָן איר טעכטערל. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (105) |
| 106. דער טאַטע טוט אָן זײַן זינדעלע. | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (106) |

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| (107) | 0 | 4 | 3 | 2 | 1 | 107. זי טוט זיך אָן. |
| (108) | 0 | 4 | 3 | 2 | 1 | 108. ער טוט אים אָן. |
| (109) | 0 | 4 | 3 | 2 | 1 | 109. זי טוט איר אָן. |
| (110) | 0 | 4 | 3 | 2 | 1 | 110. ער טוט זיך אָן. |

***

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| (111) | 0 | 2 | 1 | 111. דאָס מיידל שטופּט נישט דעם בחור. |
| (112) | 0 | 2 | 1 | 112. דער בחור שטופּט נישט דאָס מיידל. |
| (113) | 0 | 2 | 1 | 113. דאָס מיידל ווערט נישט געשטופּט פֿונעם בחור. |
| (114) | 0 | 2 | 1 | 114. דער בחור ווערט נישט געשטופּט פֿונעם מיידל. |

*** זײַטל 9

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| (115) | 0 | 2 | 1 | 115. דאָס מיידל באַשפּריצט נישט דעם בחור. |
| (116) | 0 | 2 | 1 | 116. דער בחור באַשפּריצט נישט דאָס מיידל. |
| (117) | 0 | 2 | 1 | 117. דאָס מיידל ווערט באַשפּריצט פֿונעם בחור. |
| (118) | 0 | 2 | 1 | 118. דער בחור ווערט נישט באַשפּריצט פֿונעם מיידל. |
| (119) | 0 | 2 | 1 | 119. דאָס מיידל ווערט נישט באַשפּריצט פֿונעם בחור. |
| (120) | 0 | 2 | 1 | 120. דאָס מיידל ווערט באַשפּריצט פֿונעם בחור. |

*** זײַטל 10

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| (121) | 0 | 2 | 1 | 121. דער לאַסטאויטאָ שלעפּט נישט דעם אויטאָ. |
| (122) | 0 | 2 | 1 | 122. דער לאַסטאויטאָ ווערט נישט געשלעפּט פֿונעם אויטאָ. |
| (123) | 0 | 2 | 1 | 123. דער אויטאָ שלעפּט נישט דעם לאַסטאויטאָ. |
| (124) | 0 | 2 | 1 | 124. דער אויטאָ ווערט נישט געשלעפּט פֿונעם לאַסטאויטאָ. |

*** זײַטל 11

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| (125) | 0 | 2 | 1 | 125. דאָס ייִנגעלע וועקט נישט אויף זײַן מאַמען. |
| (126) | 0 | 2 | 1 | 126. די מאַמע וועקט נישט אויף דאָס ייִנגעלע. |
| (127) | 0 | 2 | 1 | 127. דאָס ייִנגעלע ווערט נישט אויפֿגעוועקט פֿון זײַן מאַמען. |
| (128) | 0 | 2 | 1 | 128. די מאַמע ווערט נישט אויפֿגעוועקט פֿונעם ייִנגעלע. |

*** זײַטל 12

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| (129) | 0 | 2 | 1 | 129. דער הונט ווערט נישט געביסן פֿון דער קאַץ. |
| (130) | 0 | 2 | 1 | 130. די קאַץ ווערט נישט געביסן פֿונעם הונט. |
| (131) | 0 | 2 | 1 | 131. דער הונט בײַסט נישט די קאַץ. |
| (132) | 0 | 2 | 1 | 132. די קאַץ בײַסט נישט דעם הונט. |

*** זײַטל 13

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| (133) | 0 | 2 | 1 | 133. דער מאַן קושט נישט די פֿרוי. |
| (134) | 0 | 2 | 1 | 134. די פֿרוי ווערט נישט געקושט פֿונעם מאַן. |
| (135) | 0 | 2 | 1 | 135. די פֿרוי קושט נישט דעם מאַן. |
| (136) | 0 | 2 | 1 | 136. דער מאַן ווערט נישט געקושט פֿון דער פרוי. |

*** זײַטל 14

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| (137) | 0 | 2 | 1 | 137. ווײַזט מיר דעם קינדס מאַמע. |

*** זײַטל 15

138. ווײַזט מיר דעם פּעטערס פליסעניצע. 1 2 0 (138)

*** זײַטל 16

139. ווײַזט מיר די בלום פֿון דער וואַזע. 1 2 0 (139)

*** זײַטל 17

140. ווײַזט מיר דעם רעסטאָראַן פֿון דעם פֿאַרוואַלטער. 1 2 0 (140)

*** זײַטל 18

141. ווײַזט מיר דעם מחבר פֿון דעם בוך. 1 2 0 (141)

*** זײַטל 19

142. ווײַזט מיר דעם בעל-הביתעס הונט. 1 2 0 (142)

*** זײַטל 20

143. ווײַזט מיר דעם דאָקטערס פאַציענט. 1 2 0 (143)

*** זײַטל 21

144. ווײַזט מיר דעם רעזשיסאָר פֿונעם פֿילם. 1 2 0 (144)

*** זײַטל 22

145. ווײַזט מיר דער מאַמעס קינד. 1 2 0 (145)

*** זײַטל 23

146. ווײַזט מיר דער פליסעניצעס פֿעטער. 1 2 0 (146)

*** זײַטל 24

147. ווײַזט מיר די וואַזע פֿון דער בלום. 1 2 0 (147)

*** זײַטל 25

148. ווײַזט מיר דעם פֿאַרוואַלטער פֿון דעם רעסטאָראַן. 1 2 0 (148)

*** זײַטל 26

149. ווײַזט מיר דאָס בוך פֿון דעם מחבר. 1 2 0 (149)

*** זײַטל 27

150. ווײַזט מיר דעם הונטס בעל-הבית. 1 2 0 (150)

*** זײַטל 28

151. ווײַזט מיר דעם פאַציענטס דאָקטער. 1 2 0 (151)

*** זײַטל 29

152. ווײַזט מיר דעם פֿילם פֿונעם רעזשיסאָר. 1 2 0 (152)

## סעמאַנטישע קאַטעגאָריעס

*** אין אַלע טיילן מיט עטלעכע ברירות, לייענט נישט דעם נומער וואָס שטייט פֿאַר יעדער ברירה נאָר לייענט יעדעס וואָרט, איינס נאָך דאָס אַנדערע, מיט זייער אַ קורצער פויזע צווישן זיי.

*** חייבט אָן לייענען אויף אַ קול אָט דאָ.
איר וועט חערן פֿיר ווערטער. זײַט אַזוי גוט, זאָגט מיר וואָסער וואָרט געהערט נישט אין דער גרופּע. למשל, אויב איר וואָלט געהערט: היטל, מאַנטל, העלפֿאַנד, וועסטל, וואָלט איר אויסגעקליבן „העלפֿאַנד". זענט איר גרייט ?

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 153. 1) טולפּאַן 2) רויז 3) זשאַבע 4) מאַרגעריטקע | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (153) |
| 154. 1) קרויט 2) עפּל 3) באַנאַן 4) קאַרש | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (154) |
| 155. 1) האַנט 2) פֿוס 3) זאַק 4) אויער | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (155) |
| 156. 1) שטול 2) טיש 3) בעט 4) אויטאָ | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (156) |
| 157. 1) וואַראַנע 2) סאַרדין 3) טויב 4) אָדלער | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (157) |

## סינאָנימען

*** מאַכט דאָ אַ פּויזע און לייענט דעם פּאַציענט די ווײַטערדיקע אינסטרוקציעס:
איצט וועט איר הערן אַן איינציק וואָרט. איך וועל אײַך בעטן מיר געבן נאָך אַ וואָרט וואָס האָט אַן ענלעכן באַטײַט. איך וועל אײַך געבן פֿיר ברירות. למשל, אויב איך וואָלט געזאָגט „מאַרינאַרקע" און דערנאָך אײַך געגעבן פֿיר ברירות: „טיש", „הויז", „מאַנטל", „אויטאָ", וואָלט איר אויסגעקליבן „מאַנטל" ווײַל דער באַטײַט איז צום נאָענסטן צו מאַרינאַרקע. זענט איר גרייט ?

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 158. זיצאָרט: 1) וואַזע 2) בלײַער 3) פֿאָטעל 4) זייגערל | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (158) |
| 159. זייגער: 1) שוך 2) שיפֿלאָד 3) באַנאַן 4) זייגערל | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (159) |
| 160. בלײַער: 1) פּען 2) הוט 3) אַשבעכער 4) עפּל | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (160) |
| 161. סאַנדאַל: 1) ראָד 2) שוך 3) בריוו 4) גאָרטן | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (161) |
| 162. לאָטקע: 1) שוועבעלע 2) שיפֿל 3) צײַטונג 4) בוים | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (162) |

## אַנטאָנימען

*** מאַכט דאָ אַ פּויזע און לייענט דעם פּאַציענט די ווײַטערדיקע אינסטרוקציעס.
איצט וועט איר הערן אַ וואָרט און דערנאָך פֿיר ברירות. נאָר דאָס מאָל וויל איך אַז איר זאָלט אויסקלײַבן דאָס וואָרט וואָס האָט דעם פֿאַרקערטן באַטײַט. למשל, אויב איר הערט „אַראָפּ" און דערנאָך די ברירות: „הויז", „אַרויף", „אונטער", „גרויס", וואָלט איר אויסגעקליבן „אַרויף" ווײַל ס'איז פּונקט פֿאַרקערט פֿון „אַראָפּ". זענט איר גרייט ?

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 163. פֿריילעך: 1) צופֿרידן 2) טרויעריק 3) רײַך 4) קינד | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (163) |
| 164. פֿינצטער: 1) שעמעוודיק 2) שוואַרץ 3) ליכטיק 4) שטיל | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (164) |
| 165. יונג: 1) גרויס 2) אַלט 3) גרין 4) קליין | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (165) |
| 166. קראַנק: 1) טרויעריק 2) רויק 3) לעבעדיק 4) געזונט | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (166) |
| 167. פֿאַלש: 1) ריכטיק 2) וועג 3) קאָמיש 4) טעות | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (167) |

*** מאַכט דאָ אַ פּויזע און לייענט דעם פּאַציענט די ווײַטערדיקע אינסטרוקציעס.
וואָס שייך די ווײַטערדיקע פֿינעף ווערטער, זענען אויס די ברירות זייער ענלעך נאָר בלויז איינע איז טאַקע דער היפּוך פֿונעם וואָרט וואָס איר וועט הערן. זענט איר גרייט ?

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 168. סיאוס: | 1) שיין | 2) שיינקייט | 3) שיינהייט | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (168) |
| 169. טומלדיק: | 1) שטילער | 2) שטילקייט | 3) שטיל | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (169) |
| 170. טרויעריק: | 1) פֿריילעכקייט | 2) פֿריילעכס | 3) פֿריילעך | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (170) |
| 171. גבֿיריש: | 1) קבצניש | 2) קבצנות | 3) קבצן | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (171) |
| 172. סוטיק: | 1) פּחדניש | 2) פּחדן | 3) פּחדנות | 1 | 2 | 3 | 4 | 0 | (172) |

## דאָס אָפּשאַצן די גראַמאַטישקייט

*** פֿאַר די דאָזיקע אָפּשאַצונג-איינסן, פֿאַרצייכנט „+” אויב דער פּאַציענט זאָגט „יאָ”. פֿאַרצייכנט „-” אויב דער פּאַציענט זאָגט "ניין".

*** מאַכט דאָ אַ פּויזע און לייענט דעם פּאַציענט די ווײַטערדיקע אונסטרוקציעס.
איצט וועט איר הערן עטלעכע זאַצן. זײַט אַזוי גוט, זאָגט מיר אויב דער זאַץ איז אַ קאָרעקטער אויף ייִדיש. למשל, אויב איך זאָג „דאָס ייִנגל זיצט אויף אַ שטול”, איז עס אַ קאָרעקטער זאַץ אין ייִדיש און איר וועט זאָגן „יאָ”. נאָר אויב איך וועל זאָגן „די ייִנגלעך אויף אַ שטולן זיצט”, איז עס פֿאַרגרײַזט און איר וועט זאָגן „ניין”. זענט איר גרייט ?

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 173. די שטופּט אים. | אָפּשאַצונג | + | – | 0 | (173) |
| 174. ער זיך אָן טוט. | אָפּשאַצונג | + | – | 0 | (174) |
| 175. די קאַץ בײַסט ווערט פֿונעם הונט. | אָפּשאַצונג | + | – | 0 | (175) |
| 176. דער בחור קוש עס דאָס מיידל. | אָפּשאַצונג | + | – | 0 | (176) |
| 177. דער לאַסטאויטאָ ווערט געשלעפּט פֿונעם אויטאָ. | אָפּשאַצונג | + | – | 0 | (177) |
| 178. לאַסטאויטאָ שלעפּט עס אויטאָ. | אָפּשאַצונג | + | – | 0 | (178) |
| 179. דאָס מיידל ווערט באַשפּריצט פֿונעם בחור. | אָפּשאַצונג | + | – | 0 | (179) |
| 180. דאָס ייִנגל נישט אויפֿגעוועקט ווערט פֿון זײַן מאַמען. | אָפּשאַצונג | + | – | 0 | (180) |
| 181. דער בחור שטופּט עס דאָס מיידל. | אָפּשאַצונג | + | – | 0 | (181) |
| 182. דער הונט ווערט נישט געביסן פֿון דער קאַץ. | אָפּשאַצונג | + | – | 0 | (182) |

## די סעמאַנטישע אָפּשאַצונג

*** מאַכט דאָ אַ פּויזע און לייענט דעם פּאַציענט די ווײַטערדיקע אינסטרוקציעס.
